# ס"ג פרשת שופטים תשס"ח

אין שלש-סעודות, סעודת רעוא דרעוין, האט מוהרא"ש נ"י גערעדט מורא'דיגע דיבורים לויט די רבינ'ס דיבורים אין ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' יב, וואס שמועסט פון תמימות און פשיטות אין עבודת ה', עיין שם.

## אסור לילך אחר 'חכמות'

פתח ואמר מוהרא"ש נ"י, זאגט דער הייליגע רבי ז"ע (מוהרא"ש נ"י האט איבערגע'חזר'ת אויף איין נקודה אין דעם רבינ'ס ווערטער אין די תורה): ווען א מענטש גייט נאך זייך אייגענע שכל קען ער אנידער פאלן אין גרויסע טעותים, און אנצוקומען צו גרויסע שלעכטקייטן, און עס זענען דא מענטשן וואס האבן אסאך קאליע געמאכט, אזוי ווי די באקאנטע גרויסע רשעים וואס האבן אפ גענארט די וועלט, און אלס איז געווען דורך זייערע שכל, דער עיקר יודישקייט איז נאר צו גיין מיט תמימות און פשיטות אָן קיין שום חכמות, און קוקן אין יעדער זאך וואס ער טוט, זאל דער אייבישטער זיין דארט, און נישט אנצוקוקן אויף זיין אייגענע כבוד, נאר אויב עס איז דא דארט דעם כבוד פונעם אייבישטער זאל ער דאס טוהען, און אויב נישט – נישט, און דעמאלס וועט ער א ודאי נישט קיינמאל נישט נכשל ווערן; זעה דאס אלס אינעם רבינ'ס ווערטער.

## עיקר היהדות בתמימות

און מוהרא"ש נ"י האט מסביר געווען, אז דער עיקר רבינ'ס לימוד איז מדת התמימות, וואס אין דעם ווענדט זיך די גאנצע יודישקייט, ווייל ווען א מענטש איז זוכה צו מדת התמימות, איז ער מקיים אלע מצוות אזוי ווי זיי שטייען אין שולחן ערוך, און וועט קיינמאל נישט נכשל ווערן, ווייל דער שולחן ערוך איז אזוי ווי זיין "אורים ותומים", און אזוי ווי דער הייליגער "חזון איש" ז"ל האט געזאגט, אז אויך היינט איז דא "אורים ותומים", און דאס איז דעם שולחן ערוך, און אלע מצוות פון די תורה זענען דארטן אויסגעקלערט, און ווען א מענטש איז מקיים מקיים דער שולחן ערוך מיט תמימות און פשיטות, איז ער א 'פשוטער' ערליכער איד, וואס דאס איז די גרעסטע מדרגה, און אזוי ווי דער רבי ז"ע רופט דאס אן (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' ע"ח) "פראסטיק".

## דער עיקר איז פראסטיק

און דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן סי' קנ"ד) אז דער עיקר וואס ער איז אנגעקומען צו זיין מדריגה, איז נאר דורך דעם ענין פון פראסטיק, ווייל ער האט מקיים געווען אסאך מצוות מעשיות, און ער האט אסאך געשמועסט מיטן הייליגן באשעפער און ער האט אסאך תהלים געזאגט ביז ער האט זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

און דאס איז וואס דער רבי ז"ע זאגט דא, "ער זאל קוקן אין יעדער זאך וואס ער טוט זאל זיין דארט דער אייבישטער". און לכאורה איז שווער, ווער קען זיך שטאלצירן מיט דעם אז ער זעהט דער אייבישטער און וואס ער טוט, נאר דער תירוץ איז לויט דעם זוהר הקדוש פרשת אחרי (דף עג ע"א), קודשא בריך הוא ואורייתא חד הוא [דער אייבישטער מיט די תורה איז איינס], דארף מען דאך קוקן אין יעדע זאך וואס ער טוט, עס זאל דארט זיין די תורה הקדושה, דאס

הייסט די הלכה וואס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך, דעמאלס וועט דער אייבישטער דארט זיין.

### לשמוה בפשיטות המצוות

און דאס ווערט אנגערופן תמימות, ווען ער פארשט נישט קיין שום חקירות, וואס ווערט שוין געטוהן פון מיין ציצית אנטוהן, און וואס ווערט געמאכט פון מיין תפילין לייגן, נאר ער איז מקיים די מצוות מיט גרויס שמחה, דעמאלס וועט ער קיינמאל נישט נכשל ווערן.

און א מאל האט דער רבי זי"ע געזאגט, איך האב געוואלט, אז איך זאל האבן א זוהן, זאל גיין יעדער טאג מיט טלית ותפילין אין שוהל אריין. און מען האט פארשטאנען פונעם רבי'ן די גיוואלדיגע מעלה פון תמימות אז ער האט זיך באגנוגט מיט פשטות יודישקייט, און ער האט נישט געזוכט גדולות ונפלאות, ווייל די גרעסטע מדריגה איז תמימות.

### כל הטעויות באות מ'חכמות'

און דאס איז וואס דער הייליגער רבי זי"ע זאגט, אז ווען א מענטש גייט נאך זייך אייגענעם שכל קען ער אנידער פאלן אין גרויסע טעותים, און אנצוקומען צו גרויסע שלעכטקייטן, חס ושלום.

ווייל גלייך ווען ער הייבט אן חוקר צו זיין, וואס ווערט שוין געטוהן פון מיין ציצית אנטוהן, און וואס ווערט געמאכט פון מיין תפילין לייגן, און פארוואס דארף ער בכלל גיין אין שוהל דאווענען ער קען דאך דאווענען אין שטוב וכו', שעמאלס קען זיין אייגענע 'חכמה' איהם פארדרייען מער און מער חס ושלום, ביז ער קען אנקומען צו אזא גרייז אז עס איז גענוג צו זיין א יוד נאר אין דער הארץ... און וואס דארף ער בכלל מקיים צו זיין די מצוות בפועל ממש, ביז ער וועט זיך אום קערן פון די וועגן פון די תורה הקדושה, רחמנא ליצלן.

### סוד קליפת עמלק

און דאס איז געווען די קליפה פון עמלק, וואס ער איז געווען א גאנצע כופר, און האט געזאגט אז דער עיקר איז די שכל פון די תורה, און מען דארף נישט מקיים זיין די מצוות בפועל ממש, חס ושלום. און דאס איז פארקערט פון די תמימות, ווייל די תמימות איז מקיים צו זיין די מצוות אן קיין שום שכל, און פארקערט נאך, צו וויסן אז מען קען טאקע גארנישט פארשטיין, און אזוי ווי שלמה המלך, עליו השלום האט געזאגט (קהלת ז') אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני, און תכלית הידיעה אשר לא נדע, ווייל אפילו די גרויסע צדיקים וואס זייערע השגה איז גאר הויעך, ווייסן זיי נישט אלעס, און אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות ד.) למד לשונך לומר "איני יודע", שכן אמר משה רבינו וכו', דעריבער האט זיך דער רבי זי"ע אמאל זיך אויסגעדריקט, אז אפילו א אמת'ן צדיק קען א טעות האבן, און אויב ער האט געטהו א טעות ווערט ער נישט אויס-צדיק.

### רק טיפש אינו טועה

און מיר טרעפן ביי משה רבינו, אדון כל הנביאים, 'בא לכלל כעס ובא לכלל טעות' (ספרי פרשת מטות), און ער איז געבליבן דער זעלבער צדיק ווי פריער... און נאר א טיפש זאגט אז ער קען אלעס – ווייל ער קען טאקע גארנישט, וועגן דעם דאכט זיך איהם אז אלעס ווייסט ער, און אזוי ווי דער תם האט אנגעזאגט דעם חכם (סיפורי מעשיות מעשה ט' מחכם ותם) אפילו גלאטע מענטשן, אז זיי שפעטן אויס מיר, זענען זיי אויך

נערנים, ווארום אז זיי זענען שוין קלוגער פון מיר, זענען זיי ערשט נערנים, מכל שכן אזוי א חכם ווי דו ביסט, וואס איז אז דו ביסט שוין גלוגער פון מיר? עיין שם.

דעריבער דער עיקר איז שטענדיג אוועק צו נעמען דעם אייגענעם שכל, און מקיים זיין די מצוות התורה מיט א גרויסע תמימות, דעמאלם וועט ער קיינמאל נישט נכשל ווערן, און וועט זוכה זיין צו א גרויסע השגה אין השגות אלקותו יתברך, אשרי לו ואשרי חלקו.

### תמים תהיה עם ה' אלקיך

און מוהרא"ש נ"י האט דאס אלעם מקשר געווען צו פרשת השבוע מיט א מורא'דיגע קשר. כי הנה כתיב (דברים יח) תמים תהיה עם ה' אלקיך, זאגט רש"י, התהלך עמו בתמימות, ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות, ואז תהיה עמו ולחלקו. און אין תרגום אונקלוס שטייט, שלים תהי בדחלתא דה' אלקך [גאנץ זאלסטו זיין אין די פארכט פון דער אייבישטער דיין גאט], און דער בעל הטורים ברענגט, תמים, א גרויסע תי"ו, אז אויב דו וועסט גיין מיט תמימות איז אזוי ווי דו האסט מקיים געווען פון אל"ף ביז תי"ו.

### לזכות להיות אדם השלם

און לויט די רבי'נס דיבורים איז גאר שיין פארשטענדליך די קשר צווישן די אלע פירושים, אז דער עיקר יודישקייט פון א' ביז ת' ווענדט זיך אין מדת התמימות, און נאר דורך תמימות וועט זוכה זיין א מענטש מקיים צו זיין אלע תרי"ג מצוות התורה פשוטן כמשמען, און דעמאלס ווערט ער אנגערופן 'אדם השלם', וואס דאס זאגט דער תרגום - "שלים תהי" בדחלתא דה', זאלסטו זיין גאנץ אין יראת ה', ווייל נאר דורך מדת התמימות וועט ער זוכה זיין מקיים צו זיין די תורה בשלימות, און דעמאלם וועט אין איהם מקויים ווערן רש"י'ס ווערטער: "ואז תהיה עמו וחלקו", ווייל דער וואס גייט בתמימות, גייט ער ארויף און ער איז זיך מדבק אינעם אייבישטער, און ער איז נכלל אין חי החיים בו יתברך.

זאל דער אייבישטער אונז מזכה זיין טאקע דערגרייכן די מדת התמימות און מקיים זיין אלע מצוות פון די תורה בתמימות ופשיטות גמור, בי זמיר וועלן זוכה זיין אינגאנצן נכלל ווערן אינעם אייבישטער, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

לעילוי נשמת הבח' אליהו ישראל ב"ר אריה לייב שנרצח ג' אב תש"ע